# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Fun Yom Hashoa Bizn Yom Haatsmaut / From Holocaust Memorial Day to Israeli Independence Day

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/7hp4d1h6

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 90(1)

### Author
Zalman Shlosser, Zalmen Shloser /

### Publication Date
1978

### Copyright Information
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# פון יום השואה ביזן יום העצמאות

באלד, אפריל 19, ווערט 35 יאר זינט דער העלדישער אויפשטאנד פון א הייפעלע יידן אין דער ווארשעווער געטא האט אויפגעטרייסלט די וועלט. און באלד, מאי 14, ווערט 30 יאר זינט די יו־ען האט אין אירע אידילישע אנפאנג־יארן צעטיילט פאלעסטינע אין צוויי באזונדערע אומאפהענגיקע שטאטן, אן אראבישן און א יידישן, און דער דארטיקער יידישער ישוב האט גלייך פראקלאמירט מדינת ישראל ווי א זעלבסטשטענדיקן יידישן שטאט און יענעם טאג דערקלערט ווי א יום העצמאות. דער אראבישער ענטפער אויף דעם איז געווען א „הייליקע מלחמה" פון אלע אראבישע מלוכות קעגן מדינת ישראל. פון דאן אן האט זייער האס־מלחמה קעגן ישראל נאך ניט אויפגעהערט.

פינף בלוטיקע יאר טיילן אפ אט די צוויי היסטארישע געשעענישן, וואס האבן אויף אייביק געענדערט דאס פנים פון דער וועלט און דעם גאנג פון דער יידישער געשיכטע אין דער גרויסער וועלט. אט די צוויי געשעענישן, דער געטא־אויפשטאנד און די פראקלאמירונג פון מדינת ישראל ווי א זעלבסטשטענדיקע יידישע מדינה, זיינען פארצייכנט געווארן אויף אייביק צו געדענקען ווי דער יום השואה און דער יום העצמאות.

דער העלדישער פארמעסט פון דער געטא קעגן דער בלוטיק־מעכטיקער דייטשישער מלחמ־מאשין, זייער אומגלייבלעכער ווידערשטאנד קעגן דער נאצישער בעסטיע איז געווארן אן אומפארגלייכלעכערביישפיל פאר אלע אנדערע פעלקער און לענדער אונטער דער דייטשישער אקופאציע, ספעציעל דער שפעטערדיקער אויפשטאנד פון די פאליאקן אין ווארשע.

די העלדן פון דער ווארשעווער געטא האבן מיט זייער ביישפיל געראטעוועט דעם כבוד פון מין „מענטש" און געוויזן ווי צו קעמפן קעגן דער דייטשישער בעסטיע, וואס האט סוף כל סוף געפירט צו היטלערס אומפארמיידלעכער מפלה. דער יום השואה האט דערהויבן דעם מאראליש געפאלענעם ווערט פון דעם מענטשלעכן מין און די חשיבות, דעם מאראלישן שטאלץ פון דעם מאדערנעם עמאנציפירטן ייד, וואס געוויסע יידישע שרייבערס האבן מיט דער לייכטקייט פון א צייטונגס־ראמאן געוואלט אים שילדערן ווי א צעקראכענעם שלימיאל, ווי אן עזר העשל, וואס ווייסט אלץ, קען אלץ, נאר טויגן טויג ער צו גארניט און גלייבן גלייבט ער אויך אין גארניט.

יעדע דערמאנונג פון יום השואה וועקט האפענונג, מוט, גרייטקייט פאר מסירת נפש און גלויבן אין נצח ישראל. פונקט ווי יעדע דערמאנונג פון יום העצמאות שפרייט בטחון אז יידיש לעבן איז מער ניט הפקר, אז דער ארעם פון מדינת ישראל קען, ווען מען דארף, דערגרייכן יעדע „ענטעבע" ווו זי זאל ניט זיין.

אבער דאן, ווען מען האט נאך ניט געקענט אפילו חלומען וועגן א יום־העצמאות, אפילו נאך דער פולשטענדיקער היטלער מפלה, ווען די קוימענס פון די קאלך־אויוונס האבן אויפגעהערט צו רויכערן און די טויערן פון די לאגערן האבן זיך געעפנט, און די ערשטע פליטים־שיפן, וואס די הגנה האט צוגעגרייט, האבן זיך גענומען טראגן צו די ברעגן פון ישראל, האבן די געראטעוועטע יידן שוין גענומען איינזען אז ערשט איצט וועט מען אויפסניי דארפן קעמפן פארן רעכט צו לעבן אויף דער וועלט. און גרויסע טיילן פון די געראטעוועטע געטא־קעמפער און פארטיזאנער האבן שנעל זיך דערווארט אויף דער זכיה נאך אמאל מקריב צו זיין זייער לעבן, נאר דאס מאל פאר אן אייגן יידיש לאנד. עס האט זיך אנגעהויבן דער „אומלעגאלער" עמיגראציעשטראם קיין ארץ ישראל. הונדערט טויזנט פליטים, לויטן באריכט פון דער ספעציעלער יו־ען קאמיסיע, האבן געזוכט א

היים, און קיין לאַנד האָט זיי ניט געוואָלט אַריינלאָזן. קאַראַוואַנען מיט פליטים־שיפן האָבן זיך געצויגן איבער אַלע ימען און ענגלישע קריגס־שיפן האָבן געלויערט כדי צו פאַרטרייבן די געראַטעוועטע אין נייע קאָנצענטראַציע לאַגערן, וואָס ענגלאַנד האָט צוגעגרייט פאַר זיי אין ציפערן.

נאָר דאָס מאָל האָבן די שטאַרקע ברידערלעכע הענט פון דער הגנה געהיט און געפירט די פליטים־שיפן צום געגאַרטן ציל. ענגלאַנד האָט מיט חרפה געמוזט זיך צוריקציען פון איר מאַנדאַט צו הערשן איבער פאַלעסטינע, און די אַראַבישע מלוכות, וואָס האָבן מיט גרויס טומל געסטראַשעט די יידן, אַז זיי וועלן פאַרענדיקן וואָס היטלער האָט אָנגעהויבן, האָבן מיט גרויסע פאַרלוסטן און בזיון פאַרלאָרן זייער ערשטע מלחמה קעגן די יידן. און ישראל האָט, מיט דער ברכה פון אַמעריקע און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, פּראָקלאַמירט די באַשאַפונג פון אַ זעלבסטשטענדיקע מדינת ישראל, דעם יום העצמאות, וואָס פלאַנצט בטחון, שטאַרקט דעם נאַציאָנאַלן קיום, וואָס שטייט פעסט ווי אַ דערמאָנונג פאַר דער וועלט, אַז יידיש לעבן איז מער ניט הפקר.

עס איז קלאָר, די דרייסיק יאָר פון מדינת ישראל זיינען געווען ווי איין כסדרדיקער קאַמף פאַרן עצם קיום. נישט געקוקט דערויף איז פון אַ מידבר אויסגעבויט געוואָרן איינע פון די מאָדערנסטע ציוויליזאַציעס. האַלטנדיק די ביקס אין איין האַנט האָט מען מיט דער צווייטער האַנט פאַרוואַנדלט די מידבר־שטחים אין בליענדיקע גערטנער; אַנטוויקלט איינע פון די סאַמע אַוואַנסירטע אינדוסטריעס אין דער וועלט, וואָס אַרבעט אויס פון אַ נאָדל ביז אַן עראָפּלאַן. און אויפן געביט פון דער שפּייז־פּראָדוקציע האָבן זיי דערגרייכט די העכסטע מדרגה. אַ לאַנד וואָס איז געווען הונגעריק און זיך אָנגעשפּאַרט אויף אימפּאָרט, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסן שפּייז־פּראָדוצירער אפילו פאַר עקספּאָרט.

פיר מלחמות האָבן די אַראַבער אַרויפגעצוואונגען אויף ישראל און יעדעס מאָל האָבן זיי מיאוס פאַרלאָרן. אומזיסטע קרבנות זיינען געפאַלן אויף ביידע זייטן. איז עס דעריבער אַ קנאַפּער וואונדער וואָס אַלע בענקען נאָך שלום. וואָרעם אפילו די „בעסטע" מלחמה ברענגט חורבן, קאָרופּציע, כאַאָס, פאַרדאַרבט די מאָראַל און גראָבט אונטער די חשיבות פון מענטש. אַן אמתער שלום איז איצט נייטיק פאַר עגיפּטן פונקט ווי פאַר ישראל.

ביים שרייבן די שורות איז נאָך ניט קלאָר מיט וואָס סאַדאַטס שלום־אָפּענסיווע וועט זיך ענדיקן, מיט דערפאָלג צי מיט אַ דורכפאַל. מחמת ס'איז נאָך אַלץ ניט קלאָר צי מיינט ער טאַקע אויף אַן אמת שלום, צי ער פאַרשטעלט זיך בלויז אַזוי קונציק און כיטרע ווי אַ רודף־שלום בכדי אָפּצונאַרן, איזאָלירן און צעטיילן די יידישע וועלט. פון זיינע רייד און האַנדלונגען קען מען לייכט דערקענען דעם כיטרען פוקס און גוטן אַקטיאָר. נאַסער, זיין פאַרגייער, פלעגט ריידן קלאָר און טאַקע מיינען וואָס ער האָט געזאָגט. זיינע האַנדלונגען ערב דער זעקס־טאָגיקער מלחמה פון 1967 האָבן געוויזן גענוי וווהין ער האָט געצילט און וואָס ער האָט געוואָלט. ווען ער האָט בלאָקאַדירט דעם שיף־פאַרקער פאַר ישראל און פאַרטריבן די יו־ען באַאָבאַכטער, האָט די גאַנצע וועלט געוווסט וואָס ער האָט דערמיט געמיינט. אָבער ווען סאַדאַט האָט זיך גענומען גרייטן צו אַטאַקירן ישראל אין 1973 האָט ער גערעדט און געטאָן קאָפּויער כדי בלויז צו גענאַרן און נאָך דעם קענען טענהן אַז ישראל האָט אים נעבעך אַטאַקירט.

אַלע ווייזן איצט אָן אויף עגיפּטנס עקאָנאָמישע לאַגע, אַז סאַדאַט „מוז" האָבן שלום, אויב ניט פאַרלירט ער זיין פּאָזיציע און עקסטרעמע פירער וועלן פאַרנעמען זיין פּלאַץ און ריזיקירן מיט אַ נייער מלחמה קעגן ישראל. דאָס מעג זיך טאַקע זיין אמת. נאָר זיינע האַנדלונגען קוקן אויס צו זיין אַ רעזולטאַט פון זיין פאַרצווייפלונג וואָס ער קען בשום אופן ניט באַזיגן ישראל. עס קען זיין אַז ער וויל מיט זיין „חכמה" און „שפּיל" אָפּנאַרן און אויף אַזאַ אופן באַזיגן ישראל. זאָל נאָר אַמעריקע, מיינט ער, אַ ביסעלע דריקן אויף ישראל זי זאָל צוריקגעבן אַלץ וואָס די אַראַבער האָבן מיט זייער אומ־

משה שקליאַר

# אַזוי זענען יידן געגאַנגען פון פוילן

(פראַגמענט)

...ס'האָט יענע צייט פאַרקריצט זיך אין זיכרון
און קיין מאָל מער געגעבן שוין קיין רו אים,
און איצט, ווען ר'איז פון פוילנלאַנד געפאָרן
אַ פאַרטריבענער, מיט יידן פול אַרום אים,
האָט ווידער דורכגעלעבט ער די קאָשמאַרן.
געדאַכט האָט אים ס'איז ווידער אַ סעלעקציע,
פון ערגעץ לויערן אויפסניי געפאַרן
און אַ געשריי אין מיטן נאַכט עס וועקט אים:
„יודען ראוס!" און דאַן זיין קינד נעמט ביטער וויינען
און ס'טוליעט אים צו זיך די גוטע מאַמע.
אַ רגע בלייבט ער, יאָסל, ווי פאַרשטיינערט,
נאָר באַלד נעמט ער זיין האָב און גוטס צוזאַמען
און לאָזט אַראָפּ זיך צו דעם גרייטן בונקער,
וואָס אַליין די שכנים האָבן אויסגעמייסטערט,
און הגם זיי פילן דאָרט זיך ווי פאַרזונקען —
אין פינצטערניש און ענגשאַפט, אָן אַ טרייסט־וואָרט,
אין פינצטערניש און ענגשאַפט, אָן אַ טרייסט־וואָרט,
און ער האָט אים פאַרמיטן — ביז דער ענדע,
נאָר וויפל ער איז אויסגעשטאַנען ליידן
וויסן קאָן נאָר דער, וואָס איז געווען דאָרט.

ניטיקע בלוטיקע מלחמות פאַרלאָרן, זי זאָל נאָר לאָזן, האָפט ער, אַריינקוועטשן דאָרט נאָך אַן אַראַבישע מלוכהלע, וואָס זאָל דינען ווי אַ שפּרינג־בעט צו פאַרניכטן ישראל, וועלן „אַלע" דאַן זיין צופרידן. דאָס הייסט ביי סאַדאַטן און זיינע אונטערשטיצער שאַפן די מעגלעכקייטן פאַר אַ גלאָבאַלן און אמתן שלום אויפן מיטעלן־מזרח — נאָך דעם ווי זיי וועלן אָפּווישן מדינת ישראל.

איצט, ווי אַלע מאָל, איז די אַראַבישע וועלט צעשפּאָלטן לויט זייערע באַזונדערע קעגנגעזעצטע אינטערעסן. יעדע אַראַבישע מלוכה וויל פאַרכאַפּן די אַנדערע און ווערן די הערשערין איבער אַלע אַראַבער. דאָס איינציקע וואָס פאַראייניקט זיי איז זייער געמיינשאַפטלעכער האַס צו ישראל. איז דאָס גראָד ניט קיין נייעס, פונקט ווי ס'איז ניט קיין נייעס, אַז חוץ די אַראַבער האָבן מיר נאָך אויך אַ „וועלט" מיט אייביקע יידישע שונאים. ווען עס וואָלט זיך געווענדט בלויז אין זיי וואָלטן מיר שוין לאַנג געווען אָפּגעווישט פון דער ערד. צום גליק האָבן מיר אַליין נאָך אויך עפּעס אַ דעה אין אונדזער לעבן. און די געדענקטעג פון יום־השואה און יום־העצמאות לאָזן אונדז דאָס קיין מאָל ניט פאַרגעסן.

ווילן מיר האָפן און גלויבן, אַז ישראל וועט דאָס מאָל אויך געפינען אַ וועג ווי צו ווענן און מעסטן סאַדאַטס אמתע כוונות פון זיין איצטיקן שלום־בליץ, און לויט דעם און לויט אונדזער ביטערער היסטאָרישער דערפאַרונג אַליין באַשטימען איר ווייטערדיקן וועג צו שלום און זיכערקייט צווישן אַלע אַראַבישע מלוכות.

ז. ש.